**גאווערנער קעטי האקול** **אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/29/2025

## גאווערנאר האקול מעלדט מער ווי 67 מיליאן דאלאר פארטיילט דורך די צווייטע רונדע פון NY SWIMS צו אויסברייטערן פארזיכערטע שווימען צוטריט איבער'ן סטעיט

***דורך צווי רונדעס פון NY SWIMS פינאנצירונג, איז 200 מיליאן דאלאר פארטיילט געווארן פאר 57 פראיעקטן וועלכע רוקן פאראויס פארזיכערטע שווימען צוטריט לענגאויס ניו יארק סטעיט***

***שטיצט מוניציפאלע און נאן-פראפיט שווימען איינריכטונגען פארבעסערונגען; זעהט דא א פולע ליסטע פון די וואס האבן באקומען אווארדס***

***טייל פון גאווערנאר האקול'ס 'אויסשטעקן און שפילן' איניציאטיוו וואס מוטיגט פאמיליעס זיך צו האלטן אקטיוו אינדרויסן***

גאווערנארין Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט געמאלדן אז מער ווי 67 מיליאן דאלאר אין קאפיטאל גרענטס זענען געשאנקען געווארן צו פינאנצירן 21 פראיעקטן לענגאויס ניו יארק סטעיט אלס טייל פון די צווייטע רונדע פון די ניו יארק סטעיט-ברייט אינוועסטירונג אין מער שווימען ( New York Statewide Investment in More Swimming, NY SWIMS) איניציאטיוו. אנגעפירט דורך די דארמיטארי אטאריטעט פון די סטעיט פון ניו יארק ( Dormitory Authority of the State of New York, DASNY) און אונטער די אויפזיכט פון די ניו יארק סטעיט אפיס פון פארקס, פארוויילונג און היסטארישע פרעזערווירונג (Office of Parks, Recreation and Historic Preservation), טוט NY SWIMS צושטעלן פארמעסטנדע מעטשינג גרענטס וועלכע טוען ארויסהעלפן קאמיוניטיס מיט'ן בויען און פארבעסערן שווימען איינריכטונגען, צושטעלנדיג פארזיכערטע און מאדערנע פלעצער צו שווימען פאר מער ניו יארקער. דורך צוויי רונדעס פון די NY SWIMS פראגראם, האט ניו יארק סטעיט שוין פארטיילט 200 מיליאן דאלאר צו שטיצן 57 פראיעקטן.

"NY SWIMS האט שוין געוויזן וואס פאר א טויש פארזיכערטע שווימען איינריכטונגען קענען ברענגען פאר פאמיליעס און געגנטער," **האט גאווערנאר Hochul (האקול) געזאגט.** "די קומענדיגע רונדע פון אווארדס טוט פארזעצן די פארשריט דורך געבן פאר מער קאמיוניטיס די ריסאורסעס וואס זיי דארפן צו קענען בויען און פארבעסערן די שווים באסיינען און שווים ערטער וועלכע טוען שטיצן געזונטהייט, זיכערהייט און גאנץ-יעריגע פארוויילונג. דורך 'אויסשטעקן און שפילן' (Unplug and Play), טוען מיר שאפן געלעגנהייטן פאר ניו יארקער צו קענען הנאה האבן פונעם דרויסנדיגע נאטור, זיך האלטן אקטיוו און זיך צאמקומען."

איבער 34 מיליאן דאלאר ווערט פארטיילט צו שוואך-באדינטע קאמיוניטיס צו פארברייטערן צוטריט צו פארזיכערטע און פארלעסליכע פובליק שווימען איינריכטונגען אין געגנטער וואו אפציעס זענען יארן לאנג געווען באגרעניצט. די פראיעקטן וועלן העלפן אדרעסירן לאנג-יעריגע פעלערס אין פארוויילונג אינפערסטראקטור און וועלן פארמערן געלעגנהייטן פאר וואסער-זיכערהייט עדיוקעישען, יוגנט פראוגרעמינג, און ווארעמע-וועטער דרויסנדיגע אקטיוויטעט.

די 21 פראיעקטן וועלכע האבן באקומען אווארדס אין די צווייטע רונדע פון NY SWIMS פינאנצירונג רעכנט אריין 13 מוניציפאלע אפליקאנטן און אכט נאן-פראפיט ארגעניזאציעס, רעפרעזענטירנדיג איבער 87 מיליאן דאלאר אין סך הכל קאנסטורקציע אינוועסטירונג און נוצנדיג כמעט 25 מיליאן דאלאר אין לאקאלע און בייגעשטייערטע נדבות. צוזאמען, וועלן די אווארדס דעקן אכט עקאנאמישע אנטוויקלונג ראיאנען (Economic Development Regions) און ארויסהעלפן קאמיוניטיס צו פארשטערקערן פארוויילונג ריסאורסעס, פארבעסערן וואסער זיכערהייט, און שאפן מער געלעגהייטן פאר פאמיליעס זיך צו האלטן אקטיוו.

NY SWIMS טוט שטיצן פראיעקטן וועלכע טוען מאדערניזירן אדער בויען שווימען איינריכטונגען, ארייננגערעכנט שווים באסיינען, נאטורליכע שווימען ערטער, באדע-הייזער, מעכאנישע סיסטעמען, שאטן סטראקטורן, לעקטער און צוטריטליכקייט פארבעסערונגען. אפליקאציעס זענען אפגעשאצט געווארן באזירט אויף קאמיוניטי געברויך, פובליק הנאה, פלאנירונג, און גרייטקייט איינגעפירט צו ווערן.

די פראגראם טוט אויך פאראויסרוקן גאווערנאר Hochul'ס (האקול) ברייטערער 'אויסשטעקן און שפילן' איניציאטיוו, וואס אינוועסטירט אין פארוויילונג אינפערסטראקטור און מוטיגט פאמיליעס צו פארברענגען מער צייט זייענדיג אקטיוו און אינדרויסן. די פארבעסערונגען וועלן העלפן קאמיוניטיס זיך צו קענען האלטן קיל בשעת עקסטרעמע היצן, פארברייטערן געלעגנהייטן זיך צו לערנען שווימען, און צושטעלן באקוועמע ערטער פאר גאנץ-יעריגע און סעזאנישע פראגראמינג.

**ראיאנישע הויכפונקטן**
א פולע ליסטע פון פראיעקטן וועלכע האבן באקומען אווארדס איז צו באקומען אויף dasny.org/swimsround2. מערקווירדיגע פראיעקטן רעכענען אריין:

**קאפיטאל ראיאן - מער ווי 15 מיליאן דאלאר**

- **סיטי פון סקענעקטעדי - 8.08 מיליאן דאלאר:** אויפבוי פון א נייע שווים באסיין קאמפלעקס, ארייננגערעכנט א לעפ פול און אקטיוויטעט פלאץ, זיראו-ארייגאנג אפטיילונג, נידריגע וואסער אפטיילונג, און א נייע באדע-הויז.
- **סיטי פון וואטערוליט - 7.4 מיליאן דאלאר:** ערזעצונג פון די עקזיסטירנדע שווים באסיין און באדע-הויז מיט א מאדערנע פאסיליטעט ביי טאון פארק (Town Park).

**צענטראל ניו יארק - מער ווי 7 מיליאן דאלאר**

- **סיטי פון קארטלענד - 3.8 מיליאן דאלאר:** איבערמאכונג פון די יעמען פארק (Yaman Park) שווימען פאסיליטעט, ארייננגערעכנט אן ADA-צוטריטליכע באדע-הויז, וואסער-ברעג צוריקשטעלונג, פארבעסערטע ברעג צוטריט און נייע שאטן סטראקטורן.
- **YCMA פולאטן - 2.4 מיליאן דאלאר:** איבערמאכונג פון די טערעפיוטישע באסיין, סטים צימער, שוויץ און לאקער צימער איינריכטונגען.

**פינגער לעיקס - 3.2 מיליאן דאלאר**

- **סיטי פון ראטשעסטער - 2.4 מילאין דאלאר:** פארבעסערונגען צו די טרענטען און פאמעלע דשעקסען R-צענטער (Trenton and Pamela Jackson R-Center) באסיין, ארייננגערעכנט נייע לעקטער, אן איבערגעבויעטע פול דעק, HVAC פארבעסערונגען, און ADA-צוטריטליכע אייגנשאפטן.
- **קארנעל קאאפערעטיוו עקסטענשען פון אנטעריאו קאנטי ( Cornell Cooperative Extension of Ontario County) - 800,000 דאלאר:** אויפבוי פון א נייע דרויסנדיגע באסיין

און באַסיין הויז מיט יוניסעקס רעסטרומס, דרויסנדיגע שאַוויוערס און אן איבערגעדעקטע פּעוויליען.

**לאנג איילענד - מער ווי 427,000 דאלאר**

- **סיד דשעיקאבסען אידישע קאמיוניטי צענטער (Sid Jacobson Jewish Community Center) - 427,358 דאלאר:** פארבעסערונגען צו באסיין HVAC סיסטעמען, איבערגעמאכטע באסיין סורפעיסעס, ADA ליפט פארבעסערונגען, און מאדערניזירטע UV און כעמישע טריטמענט סיסטעמען.

**מיד האדסאן - מער ווי 17 מיליאן דאלאר**

- **ווילעדש פון קרית יואל - 6.5 מיליאן דאלאר:** אויפבוי פון א נייע אינערווייניגסטע און דרויסנדיגע שווימען קאמפלעקס אין קינדער פארק.
- **טאון פון קארנוואל- 5.58 מיליאן דאלאר:** ערזעצונג פון די עקזיסטירנדע שווים באסיין מיט א גרעסערער, מאדערנע פאסיליטעט און נייע באדע-הויז.

**מאוהאק וואלי - 2.6 מיליאן דאלאר**

- **סיטי פון שעריל - 2.6 מחןחאם דאלאר:** איבערבוי פון די על גלאוויווער באסיין (Al Glover Pool), א נייע זיראו-ענטרי באסיין, ספלעש פעד, און איבערגעמאכטע באסיין הויז.

**ניו יארק סיטי - 5 מיליאן דאלאר**

- **NYC אפטיילונג פון פארקס און פארוויילונג - 5 מיליאן דאלאר:** איבערבוי פון די האפען פארק באסיין קאמפלעקס (Haffen Park Pool Complex) אין די בראנקס, אריינגערעכנט פארבעסערטע צוטריטליכע אריינגענג, פול דעק פאררעכטונגען, און פארבעסערונגען צו די באסיין הויז.

**סאוטערן טיער - מער ווי 10 מיליאן דאלאר**

- **YCMA איטאקא און טאמפקינס קאונטי - 6.26 מיליאן דאלאר:** איבערבוי פון פילע באסיינען, לאקער צימער פארבעסערונגען און צולייגונג פון א היידראו-טעראפי ספא.
- **ווילעדש פון הארסהעדס - 4 מיליאן דאלאר:** ערזעצונג פון די טארן סטריט פארק (Thorne Street Park) באסיין און פאררעכטונג פון פול הויז.

די NY SWIMS איניציאטיוו טוט צושטעלן מעטשינג קאפיטאל גרענטס פון צווישן 250,000 און 10 מיליאן דאלאר צו העלפן מוניציפאליטעטן און נאן-פראפיט ארגעניזאציעס צו מאדערניזירן שווימען אינפרעסטראקטור. פראיעקטן מוזן צייגן סייט קאנטראל, מעטשינג געלטער, און פלענער וועלכע טוען אויסברייטערן פובליק צוטריט צו פארזיכערטע שווימען.

**DASNY פרעזידענט און CEO Robert J. Rodriguez (ראבערט דשעי. ראדריגועז) האט געזאגט,** "די צווייטע רונדע פון NY SWIMS אווארדס טוט ארויסווייזן וויאזוי קאמיוניטיס לענגאויס ניו יארק טוען אהערשטעלן גוט-פלאנירטע פראיעקטן וועלכע וועלן באמת אויסמאכן פאר פאמיליעס. DASNY טיז שטאלץ צו אנפירן דעם פראגראם און שטיצן מוניציפאליטעטן און נאן-פראפיטס בשעת זיי רוקן זיך פון וויזיע צו קאנסטרוקציע. די אינוועסטירונגען וועלן שאפן פארזיכערטע סביבות פאר שווימען און פארוויילונג בשעת'ן שטיצן געזונטערער, מער פארבידעטע קאמיוניטיס."

**ניו יארק סטעיט פארקס, פארוויילונג און היסטארישע פרעזערווירונג עקטינג קאמישענער Kathy Moser (קעטי מאוסער) האט געזאגט,** "דורך גאווערנאר Hochul'ס (האקול) פירערשאפט, טוט די NY SWIMS פראגראם אינוועסטירן מיליאנען דאלארן צו בויען און אויפפרישן באסיינען און שווימען

איינריכטונגען דורכאויס דעם סטעיט. די אנגייענדע באמיאונג טוט ארויסהעלפן ניו יארקער זיך צו לערנען שווימען און בלייבן פארזיכערט אין און ארום די וואסער. שווימען שטיצט די מיסיע פון די 'אראפגיין פונעם אינטערנעט, ארויסגיין אינדרויסן' (Get Offline, Get Outside) איניציאטיוו, און די קומענדיגע רונדע גרענטס וועלן צוריקשטעלן וויכטיגע קאמיוניטי ריסאורסעס בשעת'ן אויסברייטערן צוטריט צו פארזיכערטע, עפארדעבל שווימען געלעגנהייטן פאר ניו יארקער פון אלע יארגענג."

**סטעיט סענאטאר Jose Serrano (דשאוזעי סערענאו) האט געזאגט,** "די ניו יארק סטעיט-ברייטע אינוועסטירונג אין מער שווימען (NY SWIMS) איניציאטיוו איז א וויכטיגע אינוועסטירונג פאר מוניציפאליטעטן און נאן-פראפיט ארגעניזאציעס צו פארברייטערן צוטריט צו פארזיכערטע שווימען איינריכטונגען לענגאויס דעם סטעיט. אלס פארזיצער פון די סענאט קאמיטעט אויף קאלטורישע איינגעלעגנהייטן, טוריזעם, פארקס און פארוויילונג ( ,Senate Committee on Cultural Affairs Tourism, Parks and Recreation), גלייב איך שטארק אז NY SWIMS וועט בויען און פארבעסערן שווימען איינריכטונגען צו צושטעלן פארזיכערטע און מאדערנע פלעצער צו שווימען פאר ניו יארקער. א גרויסן דאנק פאר גאווערנאר Kathy Hochul (קעטי האקול) און פאר מיינע קאלעגען אין רעגירונג פאר'ן ארבעטן צו אנהאלטן און פארברייטערן די וויכטיגע איניציאטיוו."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן